# רבי אביגדור ענטפערט...



שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

וישלח
תשפ"א לפ"ק
גליון קמ"ו

## פראגע

**אויב א מענטש איז געווען אויסגעשטעלט צו די איינפלוס פון גוים, וואס קען ער טון אויסצומעקן דעם איינפלוס?**

## ענטפער:

ווען א מענטש ארבעט צווישן גוים, וואס קען ער טון? ער דארף דאך דארט זיין, ער קען זיך נישט העלפן, ער דארף מאכן א פרנסה. אבער ער דארף האלטן אין זיין מחשבה אז **מיין הארץ איז אין כלל ישראל**. ווייל אסאך מאל ווען מען איז צווישן גוים אדער אומרעליגיעזע אידן, הייבט מען אן צו טראכטן און זיך אידענטיפיצירן מיט זיי. עס איז נאטירליך. א מענטש איז נוטה זיך ארייננצושמעלצן אין זיין סביבה.

אבער ווען מען האלט אין קאפ אז דאס איז נישט מיין סביבה, איך בין אין גלות. ווען איך קום צוריק צו מיין בית המדרש, אדער צו מיין הייליגע משפחה, דאס איז מיין פלאץ וואו מיין נשמה באלאנגט! און מען דארף שטיין על המשמר אגאנצן צייט אז וואס זיי זאגן, זאל נישט אריינגיין אין דיין קאפ.

מיין רבי האט אמאל געזאגט: "ווען דו עפנסט דיין מויל, ווערסטו א רבי צו דעם מענטש וואס הערט דיר אויס. ווייל דיינע ווערטער גייען אריין אין זיין נשמה אויף אייביג!" עס איז א מערקווירדיגע אויסדרוק. יעדעס מאל דו רעדסט מיט א צווייטן, גייט דיינע ווערטער אריין אין זיין נשמה, און עס בלייבט דארט פאר **לעולמי עד**. דער מציאות איז אז צוואנציג יאר שפעטער וועט ער זיך דערמאנען אז איינמאל האט ער עס געהערט פון דיר. ווייל א זאך וואס מ'הערט גייט קיינמאל נישט פארלוירן, אפילו ער מיינט אז ער האט עס שוין אינצווישן פארגעסן.

און דערפאר, ווען עמיצער – א לץ, א רשע, א גוי – רעדט צו דיר, מוזטו וויסן אז עס האט א השפעה אויף דיר. וועגן דעם זאלסטו עס זיין **מבטל בלבו**. דו זאלסט טראכטן אין דיין מחשבה: **איך בין נישט אינטערעסירט** אין וואס ער זאגט.

אודאי אויב איז עס ביזנעס, אויב איז עס א זאך וואס דו דארפסט וויסן, טעכנישע זאכן, דעמאלטס הער אויס, אבער חוץ דעם – אויב איז עס אן אויסדרוק פון עפעס א געדאנק, אדער א השקפה, זאלסטו מאכן זיכער אז ביזט עס **מבטל בלבו כעפרא דארעא**, עס איז גארנישט מיט נישט, וואס ער זאגט.

נאר ווען מען קומט צוריק אין בית המדרש און מען עפנט א ספר, און מען לעבט זיך דאס אייגענע לעבן, דעמאלטס זאל מען וויסן אז וואס מען לערנט און מען הערט אין די היימישע סביבה, האט א באדייט און איז א תועלת פאר דיר.

## פראגע

**וואס ענטפערט מען פאר א נישט-פרומער איד ווען ער באשולדיגט פרומע אידן אז זיי זענען אומטאלעראנט?**

## ענטפער:

עס איז די זעלבע ווי ווען מיר ווערן באשולדיגט פאר'ן זיין אומטאלעראנט צו מערדער. מיר וואלטן געוואלט אז אלע מערדער זאלן באקומען דעם "עלעקטעריק טשעיר" – מיר זענען זייער **נישט-נאכגעביג** פאר רוצחים. און דער אמת איז אז אלס רעזולטאט פון די היינטיגע טאלעראנץ, זעען מיר וואס עס איז געשען צו אמעריקע. עס איז געווארן א פלאץ וואו מארד איז מער פארשפרייט ווי אין סיי-וועלכע אנדערע מדינה. א לאנד וואס איז מכלומר'שט אזוי שטארק פארגעשריטן אין ציוויליזאציע קען נישט קאנטראלירן די עפידעמיע פון רציחה. און עס קומט אלעס צוליב טאלערענץ וואס איז נישט אין פלאץ.

טאלעראנץ דארף גענוצט ווערן אויפ'ן ריכטיגן אופן. ניין, מיר זענען אומטאלעראנט צו פריצות! זיכער! מיר האבן נישט קיין טאלעראנץ צו כופרים!

בדרך אגב, איך געדענק ווען איך בין געווען יונגער, איז איינער וואס איז געווען אן אטעאיסט געווען אן אויסגעשפיגענער.

אויב איינער איז געווען א כופר, האט ער עס נישט געזאגט אפן. **יעדער** איז געווען אומטאלעראנט צו אטעאיסטן אין יענע צייטן. און דער פאקט אז היינט זענען מענטשן יא טאלעראנט איז נישט קיין מעלה. פונקט פארקערט.

און דערפאר, "אוהבי ה' שנאו רע" – די וואס האבן ליב דעם אויבערשטן, **האבן פיינט שלעכטס**! מען מוז זיין אומטאלעראנט! א מענטש וואס קען אלעס דולדן איז א מענטש אן קיין כאראקטער. דאס איז אונזער ענטפער! אודאי זענען מיר אומטאלעראנט! מיר זענען שטאלץ דערמיט! עס איז א יסוד ביי אונז צו זיין אומטאלעראנט צו פארדארבנקייט!

מיר האבן בלויז טעלאראנץ צו מענטשן וואס פירן זיך אויף מענטשליך, אפילו אויב זיי זענען גוים. עס איז בכלל נישט אמת אז מיר זענען אומטאלעראנט צו גוים. מיר האבן טעלאראנץ פאר אנדערע אידן – עכ"פ אזוי דארף עס ווען זיין. אויב א מענטש האט פיינט אן אנדערן איד איז ער עובר אויף "לא תשנא את אחיך בלבבך." קיין שום שאלה דערוועגן.

אבער ארויפצולייגן א לאלעך פון באשולדיגונג אז ארטאדאקסישע אידן זענען אומטאלעראנט, אין א געוויסע זין איז דאס אונזער שטאלץ! און אודאי אויך אין א געוויסן זין איז עס גענצליך נישט אמת. (#930)

## פראגע

### זאל א פארמעגליכער שווער אויסהאלטן זיין איידעם אין כולל, אפילו ער איז נישט דער גרעסטער לערנער?

## ענטפער:

איך דארפט וויסן, אז היינט ווען מען פארלאזט די ישיבה איז עס אזוי ווי ארויסגיין פון **תיבת נח**. שטעלט אייך פאר איינער וואלט איבערגעלאזט די תיבה אינמיטן דעם מבול, וואס וואלט איך געזאגט? **אינדרויסן איז היינט דא א מבול**. נישט א מבול פון וואסער, נאר א מבול פון שמוץ, פון נידריגקייט. און דערפאר, ווי לענגער ער איז אין כולל, אלץ בעסער.

יעצט, אויב קען מען אים לערנען א פרנסה בשעת ער איז נאך אין כולל, כדי ער זאל צוביסלעך קענען אריינגיין אין א אנשטענדיגע ארבעט, און ער וועט זיך קענען מסדר זיין אין א גוטע, פרומע ישוב מיט א פרנסה – איז נאך בעסער. סיי־וויאזוי, ווילאנג ער קען זאל ער זיין אין כולל. ער זאל חתונה האבן פון ישיבה ארויס און בלייבן אין ישיבה, כדי די ערשטע יארן זענען זיין כולל יארן.

זיין ווייב וועט ווערן צוגעוואוינט צו זיין א כולל ווייב, און די קינדער וועלן זיין כולל קינדער. וואס עס וועט זיין שפעטער, וועט מען שוין זען. אבער צום ערשט האלט אים אין כולל ווי לאנג איר קענט זיך ערלויבן אים צו האלטן. (#E-102)

## פראגע

### וואס איז דעם רב'ס מיינונג בנוגע די פארשפרייטונג פון האלאקאוסט מוזעאומס און געדענקמאלן?

## ענטפער:

אסאך מענטשן זענען אינטערעסירט אין אויסגעבן געלט אין די אינסטיטוציעס פון האלאקאוסט געדענקמאלן; זיי האלטן אז ס'איז וויכטיג צו האבן געדענקמאלן און מוזעאומס. זיי האלטן אז זיי קענען פארשעמען די גוים, אז זיי זאלן חרטה האבן, און אזוי וועט מען באשיצן די וועלט אז אזא זאך זאל זיך נישט נאכאמאל איבערשפילן ח"ו. זיי האלטן אז ס'איז א גוטע אינוועסמענט.

עס איז אבער א גרויסע פראגע ווי אפעקטיוו דאס איז; ס'איז דא א מעגליכקייט אז די גוים באקומען דערפון געדאנקען וואס זיי וואלטן סתם אזוי נישט געטראכט. און יעצט טראכטן זיי, "עס איז נישט קיין שלעכטע פלאן..." זיי באקומען הצעות. יא, עס קען זיי אויפקומען זאכן וואס זיי וואלטן נישט געקענט אויפקומען פון זיך אליינס.

אויב וואלט מען אויסגעגעבן די אלע געלטער אויף מוסדות התורה, צו לערנען תורה מיט קינדער, כדי עס זאל נישט קאסטן אזויפיל געלט צו רעגיסטרירן א קינד אין ישיבה – עס איז זייער טייער היינט, און אויב וואלטן מיר געהאט מער געלט, וואלטן מיר עס געקענט מאכן פאר כמעט אומזיסט! און דאן וואלטן מיר געקענט אריינברענגען מער קינדער אין די תורה וועלט. דאס וואלט געווען דער גרעסטער אויפטוה!

עס איז א שאד! די מיליאנען דאלארן וואס גייט פאר אנדערע זאכן, עס איז פארפאטשקעטע געלט. עס דארף גיין פאר חינוך, פאר ישיבות.

במילא, סיי וואס מען וועט זאגן בנוגע די אלע מוזעאומס, איז נישט קיין פראגע אז אויב די געלטער וואלטן אויסגענוצט געווארן פאר ישיבות וואלט עס געברענגט סך בעסערע רעזולטאטן. (#930)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל




בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

**קאסטום לויט אייער געשמאק**











צו באשטעלן רופט:
**מערכת להתענג 845-662-2782**
אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

**כל טוב**